# HERSHL UN DI GANOVIM-
# הערשל און די גנבֿים

Tsu Hershln zenen arayn
bay nakht ganovim in shtub.
Zey zukhn, nishtern, kern iber di shtub, tapn oys vu ergetz a vinkl, zey gefinen ober gornisht.Dervayl hot zikh Hershls vayb oyfgekhapt fun shlof un derhert az fremde mentshn drayen zikh arum. Iz zi fartsaplt gevorn un vekt im shtilerheyt:
-"Hershl, Hershl, shtey oyf.."
-"Ikh shlof nisht.."
-"Du herst? Vey iz mir, ganovim zenen do in shtub."
-"Sha"-zogt Hershl "shveyg.mir flamt dos ponim far bizoyen, zey hobn nebekh nisht vos tsu nemen."

צו הערשלען זענען אַרײַן
בײַ נאַכט גנבֿים אין שטוב
זיי זוכן, נישטערן, קערן
איבער די שטוב,
טאַפּן אויס ווּ ערגעץ אַ ווינקל, זיי געפֿינען
אָבער גאָרנישט.דערווײַל האָט זיך הערשלס
ווײַב אויפֿגעכאַפּט פֿון שלאָף און דערהערט
אַז פֿרעמדע מענטשן דרייַען זיך אַרום.
איז זי פֿאַרצאַפּלט געוואָרן און
וועקט אים שטילערהייט:
-הערשל, הערשל, שטיי אויף ..
-איך שלאָף נישט..
-דו הערסט? ווי איז מיר ,
גנבֿים זענען דאָ אין שטוב.
-שאַ-זאָגט הערשל , שווייג .
מיר פֿלאַמט דאָס פּנים פֿאַר בזיון,
זיי האָבן נעבעך נישט וואָס צו נעמען.

..................................

********************************

Tsu Hershlen zenen baynakht arayn ganovim.Zey hobn lang gezukht un gornisht nisht gefunen.Dos vayb hot zikh oyfgekhapt un vekt Hershlen:
-"Shtey oyf, ganovim zenen in shtub.."
-"Shveyg" zogt ir Hershl-"loz zikh nisht hern, efsher veln zey epes iberlozn..."

צו הערשלען זענען בײַנאַכט אַרײַן גנבֿים.
זיי האָבן לאַנג געזוכט און גאָרנישט נישט
געפֿונען.דאָס ווײַב האָט זיך אויפֿגעכאַפּט
און וועקט הערשלען:
-שטיי אויף, גנבֿים זענען אין שטוב .

-שווייג זאָגט איר הערשל-לאָז זיך נישט
הערן, אפֿשר וועלן זיי עפּעס איבערלאָזן.

## IKH HOB AYKH ONGEFIRT KEYN LETITSHEV
## איך האָב איַיך אָנגעפֿירט קיין לעטיטשעוו

Hershls vayb hot bay im genumen oyf der hotsoe, un er hot nish gehat .Zi hot ober nisht gevolt optretn : gib un gib, ikh vil fun gornisht visn, di kinder zenen hungerik…
Iz Hershl aroys fun di kelim un a ruf geton a kind :
-"Gey arayn tsum shokhen un lay mir a baytsh !"
Dos vayb iz dertsitert gevorn, zi hot gemeynt er vil zi shlogen, nor Hershl hot zi gornit in zinen gehat.Di noyt hot im getribn tsutrakhtn a nay shtikl. Er hot genumen di baytsh, iz aroys in gas un ongehoybn klapn mit der baytsh in der erd un shrayen :
-"Ikh fir op parshoynen fun Medjebesh keyn Letitshev far halb gelt !"
Es hobn zikh gefunen etlekhe baalonim. Hot Hershl genumen bay zey di 4 gildn, opgeshikt mitn kind aheym un gezogt:
-Itzt kumt !
-Vu zhe zenen di ferd ?
-Vos art aykh ? kumt ! Ikh fir aykh op keyn Letitshev
Men iz aroys fun shtot.
Di ferd zenen nishto.
Trakhtn di mentshn. Mistome zenen di ferd bay der brik , iz men gegangen vayter, biz men iz gekumen keyn Gluboke .Dos iz halb veg tsvishn Medjiebesh un Letitshev
Di ferd zenen alts nishto. Kern zikh tsurik hot nisht gelingt, iz men shoyn azoy fargangen biz Letitshev. Az men iz gekumen oyfn ort, hot men zikh aroyfgevorfn oyf Hershlen mit a geshray :
-Host undz opgenart, gib undz tekef op

הערשלס וויַיב האָט ביַי אים גענומען אויף דער הוצאה, און ער האָט נישט געהאַט .זי האָט אָבער נישט געוואָלט אָפּטרעטן : גיב און גיב, איך וויל פֿון גאָרנישט וויסן, די קינדער זענען הונגעריק...
איִז הערשל אַרויס פֿון די כלים און אַ רוף געטאָן אַ קינד:
- גיי אַריַין צום שכן און ליַי מיר אַ ביַיטש
דאָס וויַיב איז דערציטערט געוואָרן, זי האָט געמיינט ער וויל זי שלאָגען, נאָר הערשל האָט זי גאָרניט אין זינען געהאַט. די נויט האָט אים געטריבן צוטראַכטן אַ ניַי שטיקל. ער האָט גענומען די ביַיטש, איז אַרויס אין גאַס און אָנגעהויבן קלאַפּן מיט דער ביַיטש אין דער ערד און שריַיען:
איך פֿיר אָפּ פּאַרשוינען פֿון מעדזשעבעש קיין לעטיטשעוו פֿאַר האַלב געלט!
עס האָבן זיך געפֿונען עטלעכע בעלנים. האָט הערשל גענומען ביַי זיי די 4 גילדן, אָפּגעשיקט מיטן קינד אַהיים און געזאָגט --איצט קומט!
-ווּ זשע זענען די פֿערד ?
-וואָס אַרט איַיך ? קומט ! איך פֿיר איַיך אָפּ קיין לעטישעוו. מען איז אַרויס פֿון שטאָט. די פֿערד זענען נישטאָ.
טראַכטן די מענטשן .
מסתּמא זענען די פֿערד ביַי דער בריק. איז מען געגאַנגען וויַיטער, ביז מען איז געקומען קיין גלובאָקע .דאָס איז האַלב וועג צווישן מעדזשעבעש און לעטיטשעוו. די פֿערד זענען אַלץ נישטאָ. קערן זיך צוריק האָט נישט געלינגט, איז מען שוין אַזוי פֿאַרגאַנגען ביז לעטיטשעוו. אַז מען איז געקומען אויפֿן אָרט, האָט מען זיך אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף הערשלען מיט אַ געשריַי:
-האָסט אונדז אָפּגענאַרט, גיב אונדז תכף אָפּ דאָס געלט! .
-פֿאַרוואָס האָב איך איַיך אָפּגענאַרט?
האָט הערשל דערווידערט.
-איך האָב איַיך צוגעזאָגט אָפּפֿירן, האָב איך

dos gelt !
-Farvos hob ikh aykh opgenart ?
hot Hershl dervidert.Ikh hob aykh tsugezogt opfirn, hob ikh aykh opgefirt keyn Letitshev
-Mir hobn gemeynt mit ferd..
-Zenen bay aykh ferd bilkher fun a mentshn ?
Az dos vayb hot im gefregt vu er hot genumen gelt, hot er ir gezogt.
-Ikh hob gefirt parshoynen keyn Letitshev. Farshteyt zi nisht :
-Meyle a baytsh hostu gehat ober vu hostu gekrign ferd ?
-Nar eyner, hot Hershl tselakht. Abi es iz do a baytsh, ferd gefint men shtendik.

אײַך אָפּגעפֿירט קיין לעטיטשעוו .
-מיר האָבן געמיינט מיט פֿערד..
-זענען בײַ אײַך פֿערד בילכער פֿון אַ מענטשן ?
אַז דאָס ווײַב האָט אים געפֿרעגט ווו ער האָט גענומען געלט, האָט ער איר געזאָגט: -איך האָב געפֿירט פּאַרשיוינען קיין לעטיטשעוו.
פֿאַרשטייט זי נישט:
-מילא אַ בײַטש האָסטו געהאַט אָבער ווו האָסטו געקריגן פֿערד?
-נאַר איינער, האָט הערשל צעלאַכט אַבי עס איז דאָ אַ בײַטש, פֿערד געפֿינט מען שטענדיק.